



בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 781
זמנים: עש"ק 7:46 – מוצש"ק 9:14

פרשת אחרי קדושים - אבות פרק ג'
עש"ק י"א אייר – כ"ו לעומר - שנת תשפ"ה לפ"ק

## רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים!

**אין די וואכן:** פון די **ימי הספירה** ווייסן מיר זייער גוט די ספעציעלע הלכות וואס מיר פירן זיך צוליב די פאסירונג פון **די תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא.** במשך די וואכן פארציילט מען מעשיות פון חז"ל ספעציעיל פון ר"ע ותלמידיו און נאך סיפורי צדיקים, פון די סדרה רעדט מען אביסל ווייניגער יעדע יארגאנג אביסל אנדערש.

**די וואך** האבן מיר זיך צוגעהערט גאר אינטערעסאנט ווי מיין רבי האט פארציילט **די מעשה פון רבי עקיבא הייבט אן צו לערנען תורה.**

**ווען האט רבי עקיבא אנגעהויבן צו לערנען** מיר האבן זיך צוגעהערט ווי אזוי רבי עקיבא האט אנגעהויבן צו לערנען די הייליגע תורה. ווען ער איז קודם א פאסטוך פון שעפעלעך זעהט ער אמאל ווי וואסער טראפט אויף א שטיין, נאך און נאך, ביז עס ווערט א לאך, דעמאלטס האט רבי עקיבא באשלאסן אז אין זיין קאפ קען אויך אריינגיין די הייליגע תורה, אזוי האט ער אנגעהויבן צו לערנען די הייליגע תורה און ער איז געווארן א גרויסע רבי'. אזוי אויך ווייטער די מעשה ווי ער לערנט אויס זיינע גרויסע תלמידים די מצוה פון ביקור חולים און ליב האבן א חבר, אינזין האבן א חבר. די ניגון פון די מעשה קען מען הערן ביים שער הנגינה אפטיילונג.

**אזוי וועלן מיר הערן** נאך פארשידענע מעשיות פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא אין די קומענדיגע וואכן בעזהשי"ת.

**די קינדער הערן זיך** שטארק צו די מעשיות פון צדיקים און מעשה חז"ל וואס ברענגען אריין אין די קינדער ריינע אמונה און בטחון מיט מידות טובות.

**אין לאנטש רום** איז דער סדר צו פארציילן אנדערע מעשיות פון די כיתות אזוי הערן זיך די קינדער צו מיט אינטערעסע און פילן זיך אן מיט פולע אינהאלטסרייכע דערציילונגען פיל מיט הנאה און געשמאק.

## א טריפ צום געדענקען - נוירסערי און פרי קינדערגארטן כיתות!

**נוירסערי און פרי קינדערגארטן: יא מיר וועלן דאס זייער גוט געדענקען** ווי פיין און געשמאק ס'איז געווען דער טריפ וואס מיר זענען געפארן די וואך, מיין רבי האט אונז שוין פארגאנגענע וואך פארציילט אז ווייל מיר זענען אזוי וואויל און מיר האבן אזוי שיין צוריק געברענגט די אויפפירונג צעטל טשארט פון פסח און פון פאר דעם דריבער וועלן מיר באלוינט ווערן מיט א שיינעם געשמאקן טריפ.

**א געוואלדידגע שמחה האט אונז ארום גענומען.** אנפאנג וואך איז דער וועטער געווען אביסל רעגנדיג אבער ב"ה ס'האט זיך אביסל מער אויסגעקלארט האט מען שוין געקענט פארן צום טריפ, עס איז געווען א ספעציעלע השגחה פרטיות אז פון 11:00 אזייגער ווען די קינדער זענען ארויס פון בנין התלמוד תורה ביז נאכן צוריק קומען האט דער וועטער זייער גוט מיטגעשפילט ב"ה (אביסל פארוואלקענט איז זייער גוט עס מאכט אז דער פארק איז געווען ליידיגער פון אנדערע עלעמענטן אבער זייער גוט פאר אונז אידישע קינדער...) דער מנהל זאגט אז מען וועט דארפן גיין די גאנצע צייט לעבן די רבי, נאר אין א שיינע שורה...

**דינסטאג** ווען מיר זענען אנגעקומען צופרי אין חדר זענען מיר שוין געווען זייער פרייליך, היינט פארט מען! מיר קומען אריין אין חדר מיין רבי באגריסט אונז מיט א ווארימען "גוט מארגן", און מיין רבי מאכט זיכער אז אלע קינדער האבן אנגעטוען א ריכטיגן "פין" ווייל ווען מען פארט ארויס פון חדר דארף מען זייער אכטונג געבן, מיר עסן פרישטאג אין די כיתות, אביסעלע געשיקט, מיר טוען זיך אביסעלע צו איילן, אלע קינדער באקומען 2 גרינע סטיקער'ס וואס שטייט די רבי'ס נאמען. מיין רבי זאגט אונז זייער קלאר אז מיר וועלן גיין די גאנצע צייט צוזאמען אלע קינדער. די פרייליכע מינוטן זענען שוין אנגעקומען **"ויסעו"** די שמחה איז זייער גרויס, די באסעס זענען גרייט און מיר פארן צו **"פראספעקט פארק זאא"** אזוי צו קענען ערמעגליכן פאר יעדן קינד א געשמאקע הנאה, דער וועטער איז ב"ה זייער פיין ממש ספעציעל געאייגענט פאר א טריפ נישט צו הייס נישט קאלט א מחי', מען גרייט צו אויף יעדן באס פיינע וואסער דרינקס מיט עפל. די באסעס פולן זיך אן און מ'פארט. די באסעס פארן שוין די רבי'ס רופן אויס אז מיר אידישע קינדער דארפן מאכן א קידוש השם און זיך אויפפירן זייער וואויל שיין מיט דרך ארץ. מיר דאווענען זייער שיין אויפן באס.

**ביים אנגעקומען!!! צום "פראספעקט פארק זאא"** ווייסן מיר שוין גוט עס ווערט א שיינע שורה און מיר שפאנען מיט מיין רבי אריין צום פארק... עס האט זיך געשפירט זייער געשמאק ווען מיר שפאצירן אריין און דעם הערליכע פארק, מיר שפאנען צו צו די גרויסע **"סילייענס"** זיי שווימען זיך אזוי געמיטלעך און פון צייט צו צייט דערהייבן זיי זייער קאפ און לאזן זיך הערן.. אזוי שפאצירן

### ווינקל אינהאלט

- מעשיות ר' עקיבא מיט די תלמידים.
- **געלונגענע טריפ צום געדענקען**
- פרה שומרת שבת און די מיטוואך פלעי.
- **די הדסים מענטש וואס פליהט אין די לופטן**
- פארשידענע לימודים ספעציעל פאר נוירסערי און פרי קינדערגארטן .
- **ספעציעלע מעלדונג פון די בארד אוו עדיוקעישן.**
- גראם און באגריפן פון די וואך.
- **די סענדל'ס און זומער מלבושים!**
- ערליכקייט און צניעות! דערמאנונג.
- **אפוועגן די האר**
- חכמה'לעך.
- **מזל טוב וואונטשן.**
- ברוכים הבאים נייע קינדער.

**נייעס ליין און שער הנגינה !**
**718-407-7460 # 1/5/6**

מיר אריין אין א בילדינג מיט פארשידענע חיות אזוי אינטערסאנט מיין רבי זאגט אונז וויאזוי א יעדע חי' הייסט.. פארשידענע סארט פיש גרויסע און קליינע.. פארשידענע פייגעלעך מיט א שפיציגע לאנגע מויל.. און אזוי אסאך מינים. פון דארט שפאצירן מיר ווייטער צו אן אנדערע בילדינג מיט נאך מינע חיות און פון דארט גייען מיר צו די קריכעדיגע אויף אלע פיר די ציגעלעך און שעפעלעך די קיען.. און מיר האבן אויך אליינס מיט אונזערע הענטעלעך געקענט געבן צו עסן פאר די ציגעלעך און שעפעלעך מיר זעהן דעם באשעפערס וואונדער די אלע חיות א יעדע מין באזונדער. אוי ווי פיין דאס איז געווען, ווי קענען מיר פארגעסן פון דעם גרויסן פייגל וואס מאכט אויף א גאנצע וואנט אזוי שיין די "**פיקאק**" עס שפאצירט ארום ממש נעבן אונז... מיר ווילן זיך טאקע שיין באדאנקען פאר אונזערע עלטערן פארן ערמעגליכן צו פארן צו אזא גוטע אויסליפטערינג ב"ה. דאס וועט אונז אוודאי געבן אסאך חשק אויף ווייטער צו זיין וואוילע קינדער'לעך.

**מיר האבן גאר שטארק פארברענגט און הנאה געהאט** אויף די פרישע לופט, **נאכן זיך מחיה זיין** ביים זאא ווען מיר קומען שוין צוריק גייען מיר ארויף אויפן באס האבן אלע קינדער באקומען א פיינע געשניטענע עפל מיט א וואסער דרינק זיך צו דערקוויקן דאס הארץ און זיך אויפרישן, מען פארט צוריק אין חדר אויפגעפרישט. דאס וועט אונז אוודאי געבן אסאך חשק אויף ווייטער צו זיין וואוילע קינדער'לעך. ווען מיר קומען צוריק אין חדר האבן מיר געהאט א פיינעם לאנטש.

**קומענדיגע וואך וועלן אי"ה גיין די קינדערגארטן כיתות אויף א פיינעם טריפ מיט די פולע אחריות צו די הנאה פון די קינדער. מיר וועלן זיכער געדענקען אזא טאג א לאנגע צייט.**

## פארציילט און געלערנט די וואך די מעשה פון "פרה שומרת שבת"

**אלע כיתות האבן די וואך** זיך צוגעהערט צו די רבי זייער גוט צו די אינטערסאנטע ערליכע מעשה פון "**פרה שומרת שבת**". (דאס ווערט געברענגט בפסיקתא פ' פרה, ובאוצר המדרשים מדרש עשרת הדברות עמוד ת"נ)

**מיר הערן זיך צו אזוי שיין אז עס איז געווען א איד** וואס האט געהאט א קו, ער האט געארבעט דערמיט יעדן טאג חוץ שבת קודש, שבת האט די קו גערוהט, אבער ווען דער איד איז געווארן ארעם און האט געדארפט האבן געלט האט ער פארקויפט די קו פאר א גוי. ווען עס איז אנגעקומען דער הייליגער שבת האט די קו נישט געוואלט ארבעטן, איז דער גוי געגאנגען צום איד און ער האט אים געפרעגט פארוואס ארבעט נישט די קו, האט דער איד געזאגט פאר'ן גוי, לאמיר גיין צום פעלד...

**דער איד** איז צוגעגאנגען צו די קו און אריינגעזאגט אין איהר אויער "**אזוי לאנג ווי דו האסט געארבעט ביי מיר האסטו געדארפט רוען שבת, אבער אזוי ווי איך האב דיר פארקויפט פאר א גוי דארפסטו מער נישט רוען שבת, נאר פאלג דיין בעל הבית.**"

**ווען די קו** האט דאס געהערט האט זי זיך תיכף גענומען צו די ארבעט, עס איז געווען א גרויסער וואונדער, דער גוי האט געמוטשעט דעם איד ער זאל אים אויסזאגן דעם סוד וואס ער האט געזאגט אין די אויער פון די קו, און דער איד האט אים אלעס דערציילט.

**אזוי ווי דער גוי** האט דאס געהערט האט ער געזאגט, "אויב דער קו וואס האט נישט קיין שכל ווייסט צו פאלגן דעם באשעפער, איז זיכער אז איך וואס איך בין א מענטש וואס האט שכל, דארף זיכער פאלגן דעם באשעפער", און ער איז געווארן א ערליכער איד, און ער האט געלערנט זייער פלייסיג ביז ער איז געווארן א תנא, באקאנט מיטן נאמען **רבי יוחנן** (חנינא) **בן תורתא. די מעשה איז פארציילט געווארן מיט אסאך אינטערסאנקייטן מיט א שיינעם ביכל מיט וואס די קינדער האבן אזוי פארשטאנען אלעס זייער גוט ב"ה.**

דער שפיל פון מיטוואך איז געווען פון די מעשה (זעה באשרייבונג)

## פארציילט אין לאנטש רום די הדסים מענטש וואס פליהט אין די לופטן

**די וואך האבן מיר** זיך צוגעהערט זייער גוט צו די אינטערסאנטע מעשה ווי אין יענע שטאט פלעגן די אידן ארויף לייגן און באדעקן זייער סוכה מיט שיינע בינטלעך פון הדסים וואס איז שיין און שמעקט זייער גוט, דאס פלעגט צו קאסטן זייער ביליג ווי **איין דאלער א פעקל**, א יעדעס יאר פאר סוכות האט מען שוין געהערט אין די גאסן שרייען די גוים פלעגן קומען פארקויפן **איין דאלער הדסים! איין דאלער הדסים! ווער וויל קויפן!?** און אזוי האבן די אידן געקויפט פיינע שיינע הדסים פאר די סוכה.

**איין יאר** קומט דער הויפט גוי (קראני) (אזוי האבן מיר אים גערופן) און מאכט א מיטינג מיט אלע גוים און ער זאגט אז דאס יאר וועלן מיר מאכן אסאך געלט מיר וועלן בעטן פאר איין בינטל הדסים ($30) **דרייסיג דאלער פאר איין בינטל הדסים**, קיינער וועט נישט געבן פאר ביליגער און אזוי וועלן מיר ווערן זייער רייך און פאר די אידן וועט נישט זיין גוט, אזוי האבן טאקע אלע גוים געטוהן זיי זענען געקומען און מארק פארקויפן די הדסים אזוי ווי אלע יארן פאר סוכות און געבעטן דרייסיג דאלער פאר א פעקל הדסים 30$ אבער די אידן האבן נישט געקענט באצאהלן אזויפיל געלט.

די אידן זענען שנעל געגאנגען אויסזאגן פארן רב וואס די גוים טוהן דא,

### גראם פון די וואך ביי די מעשיות:

- דער הדסים פארקויפער וויל ווערן זייער רייך,
- בעט ער געלט אסאך.
- רבי עקיבא גייט א לאנגע וועג , עס נעמט עטליכע טעג.
- וואס בלייבסטו דא זיצן ,די וועסט כאפן גוטע שמוצן.
- וואס זיצטסטו דא אזוי פארקוועטשט , איך געב דיר באלד גוטע פעטש...
- אויך די אידישע קיען , דארפן שבת רוהען.

### קינדערגארטן

**מיר ווערן בארייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערעהערט זייער שיין.**

**ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן**

- שטאל - א הויז פון קיען
- אקערן גראבן אמאל און היינט - אמאל = מיט א אקס אדער קוה, היינט מיט א טרעקטאר

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

אז זיי בעטן גאר טייער פאר א פעקל הדסים, און דער רב זאגט לאמיר גיין צום גוי קויפן די הדסים, דער רב קומט צום גוי (קראני) און בעט אים צו קויפן הדסים זאגט דער גוי עס קאסט $30 דער רב זאגט אקעי דא האסטו געלט, אבער דו דארפסט ארויף ברענגען די הדסים ביז צום דאך פון מיין סוכה.

**דער גוי איז מסכים** ער נעמט די הדסים אויפן אקסל ער גייט מיטן רב ארויף צו זיין הויז אזוי גייט ער העכער און העכער ביז צו די העכסטע שטאק. דער רב בעט א תפלה צום הייליגן באשעפער אז דער שלעכטער גוי זאל באקומען זיין שטראף, און **פלוצלונג** דער גוי הייבט אן פליהען אין די לופטן מיט די הדסים העכער און העכער פליהט ער ארויף אלע גוים זעהן ווי א גוי מיט הדסים פליהט אין די לופטן זיי זענען זייער דערשראקן שרעקליך זעהנדיג ווי דער גוי (קראני) פליהט ארום אין די לופטן און ער קען נישט אראפ קומען.

**דער קעניג קוקט** ארויס פון פענסטער און זעהט אויך די מורא'דיגע זאך ווי א גוי מיט הדסים פליהט אין די לופטן ער רופט דעם רב פרעגן וואס גייט דא פאר?? זאגט דער רב פאר די קעניג: "זאל דער גוי אליין קומען פארציילן פארן קעניג וואס דא גייט פאר", דער גוי קומט אריין צו פליהען פון פענסטער אריין צום קעניג און ער האט געוויינט זייער שטארק און ער האט צוגעזאגט אז מער וועט ער נישט טוהן קיין שלעכטע זאכן פאר די אידן און אלע הדסים האט מען שוין צוריק פארקויפט פאר **איין דאלער א בינטל** און אזוי האבן די אידן ווייטער געקויפט פיינע שמעקעדיגע שיינע הדסים פאר די סוכה.

**עס איז אהיים געשיקט געווארן א צעטיל מיט בילדער פון די מעשה וואס דאס גיבט א וועג אז דאס קינד זאל דאס שוין איבערדערציילן לויט די בילדער פון די מעשה. הערט אויס אייער קינד און האט'ס הנאה**

## די מעשה פון "פרה שומרת שבת" אויפגעשפילט הערליך שיין ביי אונז אין חדר

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כיתה פון **הרב יצחק קארפען שליט"א** ווי זיי האבן אהער געשטעלט א שפיל **"איינס אין דער וועלט"** הערליך שיין מיט אסאך אינטערסאנקייטן.

**מיטוואך אינדערפרי** האבן מיר געגעסן פרישטאג אין די קלאסן ווייל מ'איז שוין פארנומען צוצוגרייטן דעם גרויסן זאל פאר די הערליכע שפיל. און כדי אז אלע קינדער פון די קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן כיתות זאלן קענען מיטהאלטן האט מען דאס אויסגעשטעלט ווי די גרעסערע פלעיס ווי די קינדער זיצן ארום זייער שיין.

ווען עס קומט שוין אן די ריכטיגע מינוטן רופט מיין רבי אויס: קינדער מיר גייען שוין אראפ צום שפיל. אלע קינדער שפאנען מיט שמחה און זעצן זיך ארום זייער שיין, מיט גרויס נייגער זעהן מיר שוין א גאנצע שטאל אויסשטעלונג פון איין זייט, און א שיינער אידישע שטוב מיט ספרים פון די צווייטע זייט. אט קומט אריין דער איד (ר' געציל רופט מען אים) (**שלמה שטיינבערג**) מיט זיינע ארבייטער'ס (**וואלווי איידליס, יואל יצחק אפפעל, יעקב עקיבא בלייך, נתן צבי בערגער**) מיר הערן ווי ער לערנט זיי אויס אז יעדן טאג מעג מען ארבייטן, אבער שבת קודש דארפן רוען, אויך די אידישע קיען. אלע קינדער זאגן מיט: **זונטאג ארבייטן יא! מאנטאג יא! אזוי ביז שבת שרייט יעדער** "ניין" זיי גייען אריין אין פעלד און ארבייטן מיט די קיען, זיי געבן זיי צו עסן, און מ'גראבט, אבער נאכדעם

קומט שבת דער איד גייט אריין אין זיין הויז מ'גרייט צו א הערליכער שבת טיש מיט די קינדער (**אברהם יצחק פאוועל, שמעון פריינד, הערשי ראזענבערג, חיים הכהן רובין, אברהמי שטיינבערג, ישכר דוב שפילמאן**) וואס זיצן אזוי שיין די מאמע (**יעקב מיטעלמאן**) צינדט לעכט די קינדער קומען זאגן גוט שבת. אויך א טאטע (**שמואל אבערלאנדער**) גאסט מיט די בחור גאסט (**שמואלי גאלדשטיין**) די טאטע מאכט קידוש יעדער ענטפערט אמן אזוי ווייטער מ'זינגט לכבוד שבת א הערליכער שבת סעודה, אלע קינדער זינגען שיין מיט לכבוד שבת, יא! מיר זעהן ווי דער קיען זיצן און ארבייטן נישט היינט, די ארבייטער'ס זיצן, די קיען עסן, ער קוקט ווי די טאטע עסט. (אויך זינגט ער מיט מָמָמָ)

**ווען ר' געציל דארף נאך עסן** פאר די קיען גייט ער צום סטאר מענטש (**יעקב דייטש**) ווייל ער פארקויפט די קיעלע עסן די בלעטער און שטרוי און נאך. מיר זעהן ווי ר' געציל קויפט איין פאר זיין שטאל און ברענגט דאס צו די קיען אלע ארבייטער געבן פאר די קיען פיין צו עסן.

**אויפאמאל** איז די טאטע געווארן ארעם ער האט נישט וואס צו געבן פאר די קוה מיר זעהן די ארבייטער'ס קומען און בעטן עסן, מיר הערן די קוה וויינען זי איז הינגעריג. דער איד זוכט אן עצה, אהָ ער האט שוין א גוטע עצה ער גייט פארקויפן די קוה. מיר זעהן ווי ער נעמט א מייק אין די הענט און רופט אויס: **אכטונג אכטונג ווער וויל קויפן א פיינע קוה...** דארט זעהן מיר ווי א מיסטער (דשאקארינא) (**מאיד**

## ספעציעלע מעלדונג

**די אלע קינדער** וואס געניסן פון שטאטישע הילף פון די **BOE בארד אוו עדיוקעישן**. קינדער וואס באקומען ספעשל עד און ווילן אז אין די קומענדיגע יאר זאלן די קינדער ווייטער געניסן פון די ספעציעלע הילף, דארפן אריין שיקן צו די **BOE בארד אוו עדיוקעישן** א ספעציעלע פארום וואס עס ווערט פארלאנגט פון די עלטערן זאלן דאס אריינשיקן כדי אנצוהאלטן ווייטער'דיגע הילף.

**דער דעדליין אריין צו שיקן דעם פארום איז למספ' June 1 2025**

די **BOE** איז זייער שטרענג מיטן נישט געבן הילף פאר די וואס געבן דאס נישט אריין.

אסאך קינדער וואס האבן געהאט הילף פון די ספעשל עד האבן דעם יאר נישט געקענט באקומען צוליב פארפעלן דאס אריין צושיקן אין צייט.

פאר אונזערע תלמידים וואס מיר ווייסן אז זיי באקומען די ספעשל עד האבן מיר אהיים געשיקט די אנווייזונגען ווי אזוי דאס צו אריין שיקן צום BOE

**עלטערן וואס זייערע קינדער זענען אפראווד און באקומען אדער דארפן באקומען ספעשל עד און זיי האבן נישט באקומען דעם בריוו ביז קומענדיגע וואך דאנערשטאג זאלן ביטע אריין רופן צום מנהל אין אפיס 2217 # 718-407-7460 מיט הצלחה אויף ווייטער**

## אונזער געשמאקע טריפ צום "פראספעקט פארק - זאא" # 2

















# אונזער געשמאקע טריפ צום "פראספעקט פארק - זאא" #3














אונזערע הענט'לעך גוט פארנומען מיט א געשמאק

# די מעשה "פרה שומרת שבת" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (1)



מיר זעהן שוין גרייט פון איין זייט ביי ר' געציל אינדערהיים



און פון די צווייטע זייט די שטאל מיט די קיען





ר' געציל מיט זיינע ארבייטער געבן זיך אפ זייער שיין אינדערוואכן





ר' געציל קיפט איין מיט זיין געלט עסן פאר די קיען



איינגעקויפט פיינע עסן





די ארבייטער'ס געבן די עסן פאר דיקיען די שטרוי מיט בלעטער



שבת קודש די מאמע צינד לעכט

# די מעשה "פרה שומרת שבת" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (2)





די מאמע בעט ביי די לעכט בענטשן

די וואוילע קינדער זאגן שיין א גוט שבת

ביי די סעודה מ'זינגט אזוי שיין





אין די שטאל אדבייט קיינער נישט די ארבייטער די קיען

אלעס היט שבת

ביים זינגען טאנצט די קי מיט.....

ד'ה געציל קומט זאגן שיין א גוט שבת






די ארבייטער'ס בעטן פון ר' געציל דאך עסן פאר די קיען

ר' געציל זאגט איך האב נישט

אכטונג ווער וויל קויפן א פיינע קי

יא יא איך וויל דאס קויפן





ער קומט נעמען די קי

די קי אויפן וואגאן

מ'פארט צו זיין נייע הויז

ביי ביי ביי ביי קיעלע





די קוה טראק

פארט שוין אוועק

אה דער קו קומט אן צו זיין נייע שטאל

# די מעשה "פרה שומרת שבת" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (3)



די קי אין זיין נייע שטאל מיט די נייע ארבייטערס





יא יא דא ארבייט מען א יעדן טאג אמחי'



דער ארבייטער זאגט אונז ארבייטן אזוי שווער א יעדן טאג





הייב דיך אויף.... נא..... וואס גייט דא פאר 1 2 3 די כאפסט פעטש וואס זיצסטו דא אזוי פארקוועטשט



קנאק קנאק מאך אויף די טיר וואס איז געשעהן ??



א גאנצע וואך ארבייט עס יא ??





קיעלע ווי לאנג די ביזט געווען אין א אידישע הויז........



אה די קי הייבט זיך אויף .......



וואס האסטו געזאגט דא פאר די קי ??? מ'קען רעדן צו א קי ?



אז שבת מעג זי שוין יעצט ארבייטן



איך וויל אויך ווערן א איד



איך וועל גיין אין חדר לערנען די א"ב



ער וויל ווערן א איד

**זעליקאוויטש)** קומט צו גיין מיט געלט און זאגט יא ער וויל קויפן דעם קוה, דער מיסטער ברענגט דעם חיות טראק א טרעקטאר מיטן דרייווער און זיין העלפער (**שלמה יוסף שימאן, חיים רחמים דאנא**) דער קוה גייט ארויף צום טראק דער איד מיט זיינע קינדער מאכן ביי ביי און דער קוה פארט אוועק.

**דער מיסטער** קומט אן צו זיין גרויסע שטאל מיט אסאך ארבייטער (**יצחק יודא טייטלבוים, דובי יאקאב, מרדכי יאקאב, לייבוש יאקאבאוויטש, אביגדור כהנא**) מיט אסאך קיען און דער מיסטער מיט די נייע קוה קומט אריין זייער פריילך ער וויזט פאר יעדן די נייע גוטע קוה, ער ארבייט מיט דעם קוה ער איז זייער פריילך. אבער ווען ס'קומט שבת דער קוה בלייבט זיצן אין שטאל ס'וויל נישט גיין ארבייטן ער הייבן אן שרייען: **וואס זיצסטו דא אזוי? הייב דיך אויף.... איך געב דיר באלד גוטע פעטש...1 2 3** אבער דער קוה רירט זיך נישט מיר זעהן ווי ער שלאגט דעם קוה, ער ווערט גערעגט **ער לויפט צוריק צום איד ער קלאפט און שרייט נעם דיר צוריק דיין קוה געב מיר מיין געלט!!!** דער איד ר' געציל האלט אינמיטן די שבת'דיגע סעודה מיט אלע קינדער ביים טיש און זיי הערן שרייען און קלאפן.. אוי ווי וואס איז דא געשעהן?? מיר הערן ווי ר' געציל פרעגט: זאג נאר יעדן טאג האט דאס יא גע'ארבייט? זאגט ער **אוודאי זונטאג, יא! מאנטאג, יא! דינסטאג, יא! נאר היינט שבת נישט..**

**זאגט ר' געציל:** נו קום לאמיר גיין צום קוה, זיי גייען צום קוה דער איד בייגט זיך אראפ און רעדט אריין אין קוה'ס אויער א גאנצע דרשה.. פלוצלינג דער קוה געט זיך א הייב אויף און גייט ווייטער צו די ארבייט. אזוי אינטערסאנט!!

**יעצט זעהן מיר** ווי דער מיסטער פרעגט פון דעם איד וואס האסטו גערעדט מיטן דעם קוה?? זייט ווען קען מען רעדן צו א קוה? ענטפערט ר' געציל ווייל מיר זענען אידן וואס פאלגן אלעס וואס ס'שטייט אין די תורה אז מ'טאר נישט ארבייטן שבת!! אויך נישט די אידישע קיען. וואס? שרייט דער מיסטער! א קוה וואס קען נישט רעדן פאלגט די תורה?? דעמאלטס וויל איך אויך ווערן א איד!!

**אזוי זעהן מיר** ווי ער קומט אריין אין א די חדר פון קינדער וואס לערנען א"ב די רבי (**אברהם יעקב גלאנצער**) מיט די קינדער (**אברהם יצחק פאוועל, שמעון פריינד, הערשי ראזענבערג, חיים הכהן רובין, אברהמי שטיינבערג, ישכר דוב שפילמאן**) זיי זאגן אזוי שיין די א"ב. פלוצלינג קומט אן דער מיסטער ער זעהט שוין אויס ווי א איד ער האט שוין א אידישע נאמען ר' יוחנן ער וויל אויך קומען לערנען די א"ב ער שטייט נעבן די רבי און זאגט מיט אזוי שיין. און אלע קינדער זאגן זייער שיין די א"ב צוזאמען מיט אים. אזוי האבן מיר אזוי שיין פארענדיגט די הערליכע מעשה.

## ווייטער מיט די פארשידענע לימודים ספעציעל פאר נוירסערי און פרי קינדערגארטן

**פרי קינדערגארטן די וואך** האבן מיר געלערנט ביי די פרי קינדערגארטן כיתות דעם שיינעם לימוד פון די "**כשרונות**", ווי די קינדער לערנען זיך אויס ארויף ארבייטן זייער פארשטאנד מיט די כשרונות פונעם קינד, מיט די זאכן וואס ער קען באמערקן און פארשטיין חילוקים. ביי דעם לימוד וועט מען בעזהשי"ת לערנען און טוהן מיט די קינדער פארשידענע שיינע זאכן אי"ה ביזן זומער.

**עס ווערט שיין אויסגעשמועסט מיט די קינדער** ווי די געטרייע מלמדים טוען זיי אנווייזן געוויסע חילוקים פון איין זאך צו די צווייטע, און אזוי לערנען מיר זיך אויס יעדן טאג נאך שיינע זאכן. א ספעציעלע נייע קליינע ביכל האבן די קינדער באנייט מיט די לימודים ווי עס איז געטוהן געווארן מיט זייערע הענטעלעך און זייער מח'ל כדי צו שארפן זייער פארשטאנד דורך עטליכע מעטאדן וואס וועט זיי שיין באגלייטן בעזהשי"ת.

**די וואך** האבן מיר זיך באקאנט געמאכט מיט נאך חילוקים וואס מיר דארפן וויסן זייער קלאר אין אונזער שפראך דער חילוק פון "**לאנג און קורץ**" מיין רבי וויזט אונז די ארבייט פארשידענע חילוקים מיר פראבירן דאס נאך טוהן און אזוי שטייגן מיר ווייטער מיט א פארשטאנד העכער יעדע וואך. ווען דער ביכל וועט פארענדיגט ברענגען מיר דאס אהיים מיט א געשמאק.

**נוירסערי די וואך זענען מיר** געווען פארנומען מיט די צוויי קאלירן פון "**שווארץ און ווייס**" א ספעציעלן ביכל וואס אויף א יעדן בלעטל האבן מיר געטוהן עפעס אינטערסאנט. די הענט'לעך זענען געווען זייער פארנומען, מיין רבי וויזט אונז ביי יעדן בלעטל וואס מיר דארפן דא טוהן, ווי **פעינטן, קאלירן, לייגן סטיקערס אדער נאך זאכן.** אזוי ווייטער נאך אינטערסאנטע אקטיוויטעטן וואס האט שייכות מיט די קאלירן.

## א וויכטיגע געוואוינהייט פאר קינדער!

**צניעות ביי די קינדער:** אויפן סדר הלימודים מיט די קינדער איז די וואך גערעדט געווארן איבער "**איידלקייט און צניעות**". עס איז זייער וויכטיג צו איינגעוואוינען די קינדער ווען זיי זענען נאך זייער יונגע קינדער אז א איד דארף זיך אויפפירן מיט "איידל'קייט און צניעות". וואס דאס איז שטארק שייך ביים זיך אנטון און אויסטון, יעדן טאג סיי אינדערפרי און סיי אויפדערנאכט.

**א קינד דארף זייער גוט דערהערן, עטליכע יסודות ווי פאלגענד:** אז מ'טאר נישט ארום לויפן ווען מ'איז אויסגעטון, בכלל ביים זיך אויסטון אדער אנטון זאל דאס גיין שנעל, קודם איין האלב אויפאמאל, דערנאך די אנדערע האלב, כדי צו קענען זיין צוגעדעקט וואס מער. א קינד דארף הערן אז קיין צוגעדעקטע פלעצער טאר נישט ווערן אויפגעדעקט. מען דארף דאס דערמאנען כסדר. ספעציעל ווען עס קומען די זומער טעג און קינדער וועלן אנטון קורצע ערמל און קורצע הויזן דארפן זיי דערהערן אז א איד דארף האבן צוגעדעקטע פלעצער סיי ווען און סיי ווי.. אזוי ווערן זיי געוואוינט דערצו און זיי וואקסן מיט מיט דעם צו אן עלטערער יארגאנג אויך מיט סייעתא דשמיא טוט דאס באגלייטן צו ערליכקייט.

## די סענדל'ס און זומער מלבושים!

**טייערע חשוב'ע עלטערן שיחיו:** אזוי ווי עס קומט יעצט דעם זומער סעזאן צו גיין און מ'טוט אן פאר די קינדער סענדל'ס אדער זומער שיך'לעך ווילן מיר ספעציעל דערמאנען אז א "**סענדל'ס**" איז אויך א חלק פון די מלבושים וואס ציינגט ארויס וואס ווילן מיינע עלטערן פון מיר?! ב"ה מיר אידישע קינדער מיר זענען אין א מוסד וואס געט אכט נישט נאכגעשלעפט צו ווערן נאך די גויאישע – אידישע מאדעס!!!

**מאכט נישט אייער קינד אומבאקוועם** ער זאל דארפן אנטוהן א זאך וואס מ'וועט אים דארפן אויסטוהן....

מיר ווילן דערמאנען די שיך – סענדל'ס תקנות עס דארף זיין איידל נאר מיט טונקעלע קאלירן שווארץ אדער בלוי. און וואס מער פארמאכט.

אויך דארף א שיך אדער סענדלס זיין דעם גוטן סייז נישט צו קליין. און אז עס טוט זיך אמאל אויס זאל דער מלמד קענען גרינג און גוט פארריכטן. גאר אנדערש איז ווען די סענדל'ס אדער שיך'ל זענען צו קליין גייט דאס זייער שווער און דאס קינד קען בלייבן אן א שיך במשך פון דעם טאג וד"ל.

**זומער מלבושים דארפן אויך זיין 100% אויסגעהאלטן לויט די תקנות המוסד, נישט קיין אויפשריפטן נישט קיין גע'ענגטע הויזן, זומער העמדער דארפן האבן ארבל כאטש ביז העכער די עלנבויגן, און נישט אנטון א קינד א העמד אן ארבל וד"ל.**

## ערליכקייט און צניעות!

**שוין אסאך געשריבן געווארן: עס איז נאך פסח ווען די הנהלת המוסדות האבן באפעסטיגט פארשידענע תקנות לגבי מלבושים. עס איז זייער גוט באקאנט פאר אלע עלטערן פון אונזערע תלמידים אז ביי אונז אין מוסד איז דא א שטארקע דגוש אז פון ווען אן א קינד קומט אריין צווישן די הייליגע ווענט גייט ער אריין אינטער די תקנת המוסד אז די קליידונג דארף זיין אויסגעהאלטן מיט ערליכקייט.. ב"ה עס איז דא אין די היימישע געשעפטן אויסגעהאלטענע מלבושים העמדער און הויזן וואס פאסט פאר א ערליך איידל אידיש קינד.**

**פון צייט צו צייט שיקן מיר אהיים א דערמאנונג פאר די וואס מען דארף דערמאנען צו טוישן די הויזן .... מיר בעטן זייער מאכט נישט אייער קינד אומבאקוועם מיט אומבאקוועמליכקייטן. די הנהלת המוסדות וועט נישט צולאזן אז קינדער וואס לערנען צווישן די הייליגע ווענט ביי אונז אין מוסד זאלן גיין אנגעטון מיט די נישט אויסגעהאלטענע און פראסטע מלבושים. וד"ל**

**שמאלע געפאסטע הויזן** אפילו פאר גאר קליינע קינדער איז א פראסטע נישט איידעלע מלבוש, ערליכע אידישע קינדער גייען נישט אנגעטוהן מיט קליידונג לויט די "מאדע" מען זעהט זייער קלאר וואס עלטערן ווילן אויף די קינדער,

**ווען מען קויפט מלבושים פאר קינדער דארף מען טראכטן צו דאס איז א ריכטיגער מלבוש מיט צניעות און ערליכקייט וואס פאסט צו אנטוהן א אידיש קינד.** אדער פארקערט חלילה.

## איינרעדעניש ערגער פון א קרענק

**מאנכע עלטערן** לעבן אין א חלום אדער ווילן זיי אפשר אזוי אז די קינדער זענען באקוועמער מיט די שמאלע הויזן (לעגינג) מען רעדט זיך איין, עס איז בעסער, וכדו' אבער א פאקט קען מען נישט לייקענען – די קינדער מוטשענען זיך מער ווי א צווייטן קינד, ביים גיין אין בית הכסא, עס דויערט זיי לענגער, עס גייט זיי שווערער, זיך צו פיקסן, און זיך באכלעפטשען... מען פראבירט דאך אויסצולערנען פאר די קינדער זיך אליין קענען באפארען, און די קינדער מיט די קליינע אויסגעוואקסענע הויזן פלאגן זיך זייער און מוטשענען זיך, אבער זיי טרייסטן זיך און זאגן אז מיין מאמע גייט מיך שוין קויפן נייע הויזן מיט א גרעסערע סייז אבער וואס זאל נעבעך דאס קינד טוהן אז זיין מאמע האט נעבעך א געוויסע איינרעדעניש אז מיט די שמאלע "טייטע" הויזן איז מען בעסער אהערגעשטעלט.... א רחמנות נעבעך אויף די קינדער... זיי ווילן זיך טרייסטן...

**מיר ערווארטן אייער קאאפעראציע – מיט פול דאנק**

### חכמה'לעך

**שמחה'לע** גייענדיג צום טריפ רופט ער זיך אן צום מנהל אויב ער גייט זיין דער פאסטוך ביי די זאא...

**יושע'לע** האט געהאלפן באקן די שליסל חלה, ער האט אריינגעקוועטשט זיין פנים אין די טייג... ווען מען האט איהם געפרעגט פארוואס האט ער דאס געטוהן האט ער געענטפערט "איך וויל אריינלייגן א שמייכל אין די טייג!!"...

ווען דער רבי האט דערציילט אז די צווייטע ציגעלע גייט מען טראגן צום בארג לעזאזל רופט זיך **יענקל'ע** אן: איך האב אויך נעכטן ביי די טריפ געזעהן א ציגעלע אין די זאא...

ווען מאמי האט געזאגט פאר **אהרן** ביזט א גרויסע צדיק! זאגט ער איך בין שוין א ענדע צדיק ווייל אונז לערנען שוין ץ אין חדר..

**יעקב מאיר** איז געווען באזארגט וועגן גיין צו די זאא ווייל ער וויל נישט קוקן אויף טמא'נע חיות. אבער יעצט ווייסט ער שוין אז די רבי האט געוויזן נאר ווי מען מעג קוקן...

ווען **מענדי'ס** שוועסטער האט געזאגט אז פאר די אות ק' גייען זיי האבן א קארניוואל האט ער גזאגט אז זיין וועלן האבן א ר' קארניוואל...

ווען **מענדי'ס** ברודער האט געזאגט ח.ח.ח. האט ער געזאגט אז זיין בעיבי זאגט ח' אזוי מען חלומ'ט..

ווען **חיים'ס** טאטע האט געזוכט זיין הוט האט ער געזאגט: אפשער איז עס אריינגעפאלן אין וואסער... אזוי ווי יוסף מוקיר שבת.

# ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער
וואס האבן שוין אנגעהויבן צו גיין ביי אונזער חדר

**פינחס גאלד, אשר אנשיל שעהר, יושע נחמן בערגער, שמואל יונה גליק, משה אבערלאנדער**

## וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער חשוב'ן איבערגעגעבענער סגן מנהל

**הרה"ח המפואר רבי אליעזר צבי הכהן כ"ץ שליט"א**

לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל
א מיידל ביי זיין איידעם האברך המפואר תמים למעלות כש"ת

**מו"ה יצחק קרויס שליט"א**

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג צוזאמען מיט אייער בני בית זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער חשוב'ן איבערגעגעבענער מיטארבייטער ה"ה

**הרב שמעון פריעד שליט"א**

לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל
א אינגל ביי זיין זון האברך המפואר תמים למעלות כש"ת

**מו"ה יעקב פריעד שליט"א**

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער באשעפער זאל העלפן אז דער ברית זאל זיין בעתו ובזמנו און איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

**די שלום זכר וועט אי"ה פארקומען**
דעם פרייטאג צונאכטס - שבת קודש פ' אחרי קדשים
**בבית חמיו הרב שלום יצחק שעהר שליט"א**
58 Gerry St. #4D Brooklyn NY

**אויפמערקזאמקייט – להסיר מכשול**

עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג'ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג, כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה.
עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך אדער אין חדר אדער אויפן באס.

**מיר לייגן דאס געוועהנליך אויך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**

עס איז כדאי צו וויסן, אז די קינדער האבן פליישיג'ס א יעדן דריטן דינסטאג.

## נייעס ליין שער הנגינה

**געוועהנליך ווערט די שער הנגינה**

**גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די**

**קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט**

**געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6**

## אפוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוואוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354**

ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.

## ספירת העומר יעדן טאג!

**יעצט** ווען מיר האלטן ביי די **ספירה טעג** טוען מיר אויך די מצוה יעדן טאג אין לאנטש רום. מיר זינגען אזוי שיין: **לאמיר ציילן לאמיר ציילן ספירת העומר, היינט איז די........ טאג.**

דערנאך זאגן מיר אלע צוזאמען "היום... לעומר".

# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יואל יצחק** ב"ר אהרן שלמה **אפפעל** נ"י
**לכבוד די געבורט פון א ניכטע**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יצחק קארפען שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל אליעזר** ב"ר גדלי' **אפפעל** נ"י
**לכבוד די געבורט פון א פלומעניק**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מענדל** ב"ר אברהם הערש **שווארטץ** נ"י
**לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה יהושע** ב"ר הרב חיים שלמה **הורוויץ** נ"י
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**פינחס** ב"ר בנימין יוסף מאיר **טעללער** נ"י
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה** ב"ר הרב שמעון ישראל **שטיינמעץ** נ"י
**לכבוד זיין ברודער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה זלמן** ב"ר אברהם **לעווינגער** נ"י
**לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב שלמה ניסן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מנחם אהרן** ב"ר שמואל דוד **גאנדל** נ"י
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק** ב"ר שלמה ב"ר אהרן יודא **סטרולאוויטש** נ"י
**לכבוד די געבורט פון זיין ברודער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א**








## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג

שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 718-407-7460 # 2217**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**


# ווי לייגט מען די באס פין?

## די וויכטיגקייט פון א באס פין

## אז עס זאל זיין זעהבאר אויף זיין דשעקעט – קאוט,

עלטערן כאפן זיך נישט אלעמאל די נחיצות הענין און די קינדער קומען מיט די פינס אויפן הויזן, אונטער די דזשעקעטעס . ספעציעל יעצט ווען מ'טוישט כסדר דעם דזשעקעט ווייל איין טאג איז קאלט און איין טאג איז מער ווארעם, דעריבער בעטן מיר חשובע עלטערן שיחיו מ'זאל מאכן זיכער איידער דאס קינד גייט ארויף אויפן באס, אז די באס פינס זענען אויפן דזשעקעט זייער אנזעהבאר.